בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

**דִּבְרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶאט דִי זְכִיָה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א בְּעֵת רַעֲוָא דְרַעֲוִין**

**גִּלְיוֹן מִסְפָּר 1 פַּרְשַׁת וַיְחִי תשפ״א לפ״ק**

**אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ מוֹסְדוֹת הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָּארְגֶעלֶערְנְט חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תרי.

שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה:

**שָׁמַעְתִּי פַּעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְהָרַב יוּדִיל חֲתַן הָרַב לֵיבְּל מִטְּרָאסְטִינֶעץ שֶׁהָיָה מְקֹרָב לְהָרַב הַצַּדִּיק הָרַב פִּינְחָס מִקָּרִיץ, הִגִּידוּ לִי דָּבָר מֵהָרַב הַצַּדִּיק הָרַב פִּינְחָס מִקָּרִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אָמַר לוֹ כָּךְ אָמַר הָרַב פִּינְחָס הַנַּ״ל, אָנוּ אוֹמְרִים אָשַׁמְנוּ בָּגַדְנוּ גָּזַלְנוּ. לְשׁוֹן רַבִּים, כִּי צְרִיכִים לוֹמַר אָשַׁמְתִּי וְכוּ׳ רַק אָנוּ אוֹמְרִים כִּבְיָכוֹל בִּלְשׁוֹן טְעָנָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אָשַׁמְנוּ. דְּאִם שֶׁלֹּא נָתַתָּ לָנוּ כֹּחַ וּרְשׁוּת לֹא הָיִינוּ יְכוֹלִין לַחֲטֹא. אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אֲנִי גַּם כֵּן מְפָרֵשׁ כָּךְ וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה, כַּאֲשֶׁר אִישׁ יִשְׂרָאֵל נִגַּשׁ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַקֵּשׁ מְחִילָה עַל עֲווֹנוֹתָיו, וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי. רְצוֹנוֹ לוֹמַר כֹּחֲךָ בִּי בְּאִם שֶׁנָּטַלְתָּ אֶת כֹּחַ שֶׁלְּךָ מִמֶּנִּי לֹא יָכֹלְתִּי לַחֲטֹא. וִידַמֶּה הָאָדָם בְּנַפְשׁוֹ שֶׁהוּא פּוֹטֵר אֶת עַצְמוֹ בְּטַעֲנָה זוֹ, עַל זֶה הוּא אוֹמֵר, יְדַבֵּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי, הִנְנִי מְדַבֵּר דְּבָרַי כְּדֵי שֶׁתָּבוֹא תְּפִלָּתִי בְּאָזְנְךָ, אֲבָל אַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ, כִּי יָדַעְתִּי אֲשֶׁר אֲנִי הַחַיָּב:**

[אִין אִידִישׁ: אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשִׁיב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זָאג מִיר עֶפֶּעס נָאךְ פוּן דַיין רֶבִּי׳ן הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. הָאט רֶבִּי יוּדְל נָאכְגֶעזָאגְט: מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען (תַּחֲנוּן) ׳אָשַׁמְנוּ׳ – ׳מִיר׳ הָאבְּן זִיךְ פַאְרשׁוּלְדִיגְט, ׳בָּגַדְנוּ׳ – ׳מִיר׳ הָאבְּן גֶעפֶּעלְטְשְׁט, ׳גָּזַלְנוּ׳ – ׳מִיר׳ הָאבְּן גֶע׳גַזְלְ׳ט, פַארְוָואס זָאגְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס אִין אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זָאגְן: ״אָשַׁמְתִּי – ׳אִיךְ׳ הָאב זִיךְ פַארְשׁוּלְדִיגְט״ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאר מֶען זָאגְט דָאס כִּבְיָכוֹל אִין אַ לָשׁוֹן פוּן אַ טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳מִיר׳ הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, וַוייל וֶוען דוּ וָואלְסְט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין כֹּחַ אוּן רְשׁוּת צוּ זִינְדִיגְן וָואלְט אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זִינְדִיגְן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אִיךְ זָאג דִי זֶעלְבֶּע אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ״ד, י״ח): ׳וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה׳ – וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, ׳וַיֹּאמֶר׳ – זָאגְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳בִּי אֲדֹנִי׳, דַיין כֹּחַ אִיז אִין מִיר, וַוייל וֶוען דוּ נֶעמְסְט וֶוען אַוֶועק דַיין כֹּחַ פוּן מִיר וָואלְט אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זִינְדִיגְן, מִמֵּילָא זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת. זָאגְט מֶען אָבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי׳, דָאס וָואס אִיךְ רֶעד אַזוֹי מִיט אַ טַעֲנָה, דָאס אִיז וַוייל אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט אָנְנֶעמֶען מַיין תְּפִלָּה, אָבֶער ׳וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ׳, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דֶעם פַּטְרְ׳ן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר אִיךְ וֵוייס יָא אַז אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת שׁוּלְדִיג, נָאר זַיי מִיר מוֹחֵל].

קוֹדֶם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט אִין קוּרְצְן דֶעם סִיפּוּר וִויאַזוֹי דֶער רֶבִּי יוּדְל אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵּין בַּאֲרִיכוּת בְּסֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק סִימָנִים ק״כ; קכ״ד – קל״ז); וֶוען דֶעם רֶבִּי׳נְס שְׁוִויגֶער אִיז אַוֶועק, לֹא עָלֵינוּ, אִיז דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִינֶעם שְׁטָאט ׳מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע׳. אַבִּיסְל נֶעבְּן דֶעם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטָאט ׳דַאשִׁיב׳. דָארְט הָאט גֶעוואוֹינְט רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ

לִבְרָכָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד מֻבְהָק פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָסְ'ל קָארִיצֶער זַ"ל, דֶער צַדִיק ר' יוּדְל פוּן דַאשִׁיב זַ"ל הָאט גֶעהַאט דָארְט אִין שְׁטָאט דַאשִׁיב אַ חֲבוּרָה פוּן זַייעֶר חָשׁוּבֶ'עֶ תַּלְמִידִים עוֹבְדֵי ה'.

אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאט גֶעהֵייסְן ר' בֶּער, הָאט אִים ר' יוּדְל זַ"ל זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי דוּ גֵייסְט צוּרִיק נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אוּן דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ נֵייעֶר יוּנְגֶער רֶבִּי [דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי], ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר וָוארֶענֶען, פַאר דַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אַז דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּ אִים אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אִים", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אִים זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט אוּן גֶעוָוארְנְט אַז עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן צוּם רֶבִּין. אוּן ר' בֶּער זַ"ל הָאט אִים טַאקֶע צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי ר' בֶּער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּ ר' יוּדְל זַ"ל, הָאט עֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דַארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז עֶר טַאקֶע בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן.

אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן ס'אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים זַיינֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, גוּטֶע צַייטְן אוּן שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וָואס דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, הָאט דָאס אִים גֶעמַאכְט נָאךְ מֶער מָרָה שְׁחוֹרָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען שְׁטַארְק בַּאוואוּסְט אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָאט ר' בֶּער אֵיינְמָאל בַּאשְׁלָאסְן אַז גֶענוּג אִיז גֶענוּג, עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי פִּילֶע יְסוּרִים אוּן צָרוֹת, דִי סְפֵיקוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט יָא אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֶבִּי אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן.

עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין גַאנְצְן בִּיטֶער הַארְץ, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אִינְגַאנְצְן פוּן דִי זִיסֶע טֵייעֶרֶע הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָן קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יְסוּרִים, נָאר מִיט אַ זִיסְקֵייט, לִיכְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט פוּן פְרִישׁ אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוְוענֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִילְן אַ טַעַם אִין מִצְוֹת.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען ר' בֶּער אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין דַאשִׁיב אוּן אִיז דָארְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס חַיּוּת, אִיז רֶבִּי יוּדְל גְלַייךְ גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן אַז רֶבִּי בֶּער אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגֶען רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי אָבֶּער ר' יוּדְל הָאט אוֹיךְ גֶעזוּכְט נָאר דֶעם אֱמֶת, צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ דִינֶען מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז ר' בֶּער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף אִים, פַארְקֶערְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מֶער אִיבֶּער'ן רֶבִּי'ן, אִיבֶּער דִי וֶועגֶען אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן ר' בֶּער הָאט אִים טַאקֶע דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. ר' יוּדְל זַ"ל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אוּן הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז אוֹיךְ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן; אַזוֹי אִיז דֶער ר' יוּדְל אוֹיךְ מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס אוּן גֶעזָאגְט: דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, דַף קצה.) מִיר גֶעפוּנֶען דְרֵיי פְּסוּקִים פוּן

תְּפִילָה: "תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה", "תְּפִלָּה לְדָוִד" און "תְּפִלָּה לְעָנִי", פְרֶעגט דֶער זֹהַר, "מַאן חֲשִׁיבָא מִכֻּלְּהוּ", וֶועמֶענְ'ס תְּפִילָה אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? זָאגְט דֶער זֹהַר: "הֱוֵי אֵימָא תְּפִלָּה דְעָנִי", דֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִילָה אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע תְּפִילָה, "תְּפִלָּה דָא, קָדִים לַתְּפִלָּה דְמֹשֶׁה, וְקָדִים לַתְּפִלָּה דְּדָוִד, וְקָדִים לְכָל שְׁאַר צְלוֹתִין דְעָלְמָא", זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען חָשׁוּב'עֶר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס תְּפִילוֹת, פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס תְּפִילוֹת און פוּן דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; פְרֶעגְט דֶער זֹהַר: "מַאי טַעְמָא", פַארְוָואס אִיז דֶער אָרֶעמַאן'ס תְּפִילָה אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? "בְּגִין דְעָנִי אִיהוּ תְּבִיר לִבָּא", ווייל דֶער אָרֶעמַאן בֶּעט מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ און עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, יט): "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, דֶערְפַאר זֶענֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת דִי טֵייעֶרְסְטֶע בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט דֶער זֹהַר וַוייטֶער: "וּמִסְכְּנָא עָבִיד תָּדִיר קְטָטָה בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא", דֶער אָרֶעמַאן קְרִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָצִית וְשָׁמַע מִלּוֹי", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת, זַיינֶע בַּקָשׁוֹת; "כֵּיוָן דְּצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ", וֶוען דֶער אָרֶעמַאן הֵייבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "פָּתַח כָּל כַּוֵּי רְקִיעִין", עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טִירְן און פֶענְסְטֶערְס פוּן הִימְל, "וְכָל שְׁאַר צְלוֹתִין דְקָא סַלְּקִין לְעֵילָא, דָּחֵי לוֹן הַהוּא מִסְכְּנָא תְּבִיר לִבָּא", דֶער אָרֶעמַאן מִיט זַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ שְׁטוּפְּט אַוֶועק מִיט זַיינֶע תְּפִילוֹת אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִילוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף", יַעֲטוֹף אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן צוּרִיק הַאלְטְן, "אֶלָּא אִיהוּ עָבִיד עִטּוּפָא לְכָל צְלוֹתִין דְעָלְמָא, וְלָא עָאלִין עַד דִּצְלוֹתָא דִילֵיהּ עָאלַת", ווייל זַיינֶע תְּפִילוֹת הַאלְט אָפּ און שְׁטוּפְּט אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִילוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָמַר, יִתְעַטְּפוּן כָּל צְלוֹתִין, וּצְלוֹתָא דָא תֵּיעוּל לְגַבַּאי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אַלֶע תְּפִילוֹת זָאלְן וַוארְטְן בִּיז דֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִילוֹת קוּמֶען אַרוֹיף צוּ מִיר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין בֵּית דִין זָאל מִשְׁפְּטְ'ן צְוִוישְׁן אוּנְז, "קַמָּאי לִיהֱווּ תַּרְעוּמִין דִילֵיהּ", אִיךְ ווִיל אַלֵיינְס הֶערְן זַיינֶע טַעֲנוֹת, "וַאֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", אִיךְ אַלֵיינְס ווִיל זַיין מִיטְ'ן אָרֶעמַאן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הֶערְט צוּ דֶעם אָרֶעמַאן'ס גֶעבֶּעט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ", פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס קוּמֶען אָן זַיינֶע תְּפִילוֹת.

אַלֶע מַלְאָכִים פוּן הִימְל פְרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: "מִיט וָואס טוּט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְן?" און מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט זַיין זַאךְ, מִיטְ'ן אָרֶעמַאן'ס גֶעבֶּעט, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט מִיט דִי אַלֶע תְּפִילוֹת און דִי אַלֶע תַּרְעוּמוֹת, "דְלֵית תִּיאוּבְתָּא לְמִסְכְּנָא, אֶלָּא כַּד שָׁפִיךְ דִּמְעוֹי בְּתוּרְעָמוֹ, קַמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פַאר'ן אָרֶעמַאן וִוי זִיךְ אוֹיסְוַויינֶען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֵית תִּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן, וְאוּשְׁדוּ קַמֵּיהּ וְדָא אִיהִי צְלוֹתָא, און עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע גְלִיקְסְטוּנְג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען עֶר נֶעמְט אָן דִי גֶעוֵויין פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ, דֶערִיבֶּער הַאלְט עֶס אָפּ אַלֶע תְּפִילוֹת.

זָאגְט דֶער זֹהַר וֶוען מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן - גֵייעֶן אַלֶע תְּפִילוֹת אַרוֹיף גְלַייךְ אָן קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְג, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין, לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעָאל, כְּמָה דְּשָׁבְקִין לְמִסְכְּנִין, דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאלִין", אַלֶע מַלְאָכִים וָואס שְׁטֵייעֶן בַּיי דִי טִירְן און קוּקְן אוֹיף דִי תְּפִילוֹת זֶענֶען גֶענוּג חָשׁוּב אַרוֹיפְצוּגֵיין - לָאזְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי תְּפִילוֹת פוּן אַן אָרֶעמַאן.

דֶערְפַאר, וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען וִוי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל עֶפֶענֶען זִיךְ פַארְ'ן אָרֶעמַאן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַן אָרֶעמַאן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוֹן זַיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, און זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי עֶרְד אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, ווייל אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַן אָרֶעמַאן, אִיךְ הָאב אוֹיךְ אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ".

זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ה, אוֹת מג): דָאס אִיז אַלֶעס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר אִיז אַן אָרֶעמַאן בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט צוּ בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ', "מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כְּשֶׁמַּתְחִיל הָאָדָם לְרַחֵם עַל עַצְמוֹ וּמַרְגִּישׁ עֲנִיּוּתוֹ וְדָחֲקוֹ בְּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וֶוער רֶעדְט אוּן וֶוער שְׁמוּעֶסְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוֹיף זַיין עֶכְטֶע אָרֶעמְקֵייט, "וְטוֹעֵן עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמִתְקוֹטֵט עִמּוֹ וּמִתְרַעֵם עָלָיו יִתְבָּרַךְ עַל שֶׁאֵינוֹ מְקָרְבוֹ אֵלָיו וְשׁוֹפֵךְ שִׂיחוֹ וְלִבּוֹ לְפָנָיו עַד שֶׁנִּתְעוֹרֵר בִּבְכִיָּה וְכוּ'", עֶר טַעֲנֶה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶס גֵייט אִים אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס בִּיסְטוּ מִיר נִישְׁט מְקָרֵב צוּ דִיר?' "כַּמָּה וְכַמָּה יְקָרָה תְּפִלָּה זוֹ בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר אִיז דִי תְּפִילָה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהִיא יְקָרָה מִכָּל הַתְּפִלּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם", דָאס אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע תְּפִילָה פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת, וַוייל דֶער אִיז דָאךְ אַ רִיכְטִיגֶער אָרֶעמַאן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אָרֶעם? נָאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ דֶער וָואס זִינְדִיגְט אוּן פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וֶוען אַזַא אֵיינֶער קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין גוּט"; אַזַא תְּפִילָה אִיז טַייעֶר אוּן בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס אִיז דָא.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב". מֶען קֶען צוּמָאל זֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַ גַאנְצֶע וָואךְ זֶעט מֶען אִים בִּכְלָל נִישְׁט אִין שׁוּל, אוּן שַׁבָּת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה אִיז עֶר גָאר פַארְנוּמֶען צוּ כַאפְּן דֶעם בַּעַל קוֹרֵא בַּיי אַ טָעוּת, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַן אוֹת, אַ וָוארְט וְכוּ', הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְרֶעגְן: אוּן וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אוֹיךְ 'אוֹיסְגֶעלָאזְט', דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שַׁחֲרִית, אַ מִנְחָה, אַ מַעֲרִיב, וִוי לַאנְג הָאסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִלִּין וְכוּ' וְכוּ'?!

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: דִי מַעֲלָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' אִיז, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט נָאךְ וואוּ עֶר לִיגְט, עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, קֶען עֶר אָבֶּער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה, עֶר קֶען נָאךְ נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, זָאל עֶר כָאטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל גֵיין אִין מִקְוֶה, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה".

רֶעדְנְדִיג פוּנֶעם אָרֶעמַאן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַוַודַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן נִישְׁט זַיין קַיין אָרֶעמַאן, עֶר זָאל הָאבְּן גֶעלְט צוּ בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער ווִילַאנְג לֶעבְּט דֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? זִיבֶּעצִיג יָאר! דֶער עֶכְטֶער אָרֶעמַאן אִיז דֶער וָואס זַיינֶע טֶעג גֵייעֶן אַרִיבֶּער אָן עֶפֶּענֶען אַ חוּמָשׁ, אָן עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנָיוֹת, אָן עֶפֶּענֶען אַ גְמָרָא - דֶער אִיז דֶער עֶכְטֶער אָרֶעמַאן, אֲפִילוּ עֶר זָאל הָאבְּן גֶעלְט - הָאט עֶר גָארְנִישְׁט.

עֶס אִיז דָא אַ אוֹיסְדְרוּק: "דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי אָרֶעם אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוֹיסֶער גֶעלְט..."; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צִי עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט, אִין בֵּית הַחַיִּים לִיגְט דֶער בֶּעטְלֶער נֶעבְּן דֶעם עוֹשֶׁר, בֵּיידֶע לִיגְן דִי זֶעלְבֶּע...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.